בס"ד

שושן פורים

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

כי תשא

ט"ו אדר תשפ"ה

גליון מס': קכ"ו

שנה ג'

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:11 |
| מוצש"ק | 6:25 |
| ר"ת | 7:04 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:09 | סוז"ת א' | 9:18 |
| סוזק"ש ב' | 8:46 | סוז"ת ב' | 9:46 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

## טיב הפרשה

# ומשלוח מנות איש לרעהו

## דער יסוד פון פורים איבער־צודרייען די כח הנטילה צו נתינה

איינס פון די מצות היום וואס איז דא אין דער יום טוב פורים איז די מצוה פון 'משלוח מנות', אז יעדער איד איז מחוייב על פי הלכה צו געבן צוויי מתנות פאר א חבר אין דעם גרויסן טאג פון פורים.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די מצוה זעט מען אז די מצוה איז אייגנארטיג צו דער יום טוב פורים, און מען טרעפט נישט די זעלבע מצוה ביי קיין שום אנדערע יום טוב.

מען טרעפט אז עס איז דא א מצוה צו געבן צו עסן פאר אנדערע אידן און זיי שטיצן מיט אנדערע ענינים, אז עס איז דא א מצוה צו עסן פלייש און זיכער־מאכן אז אלע אידן זאלן האבן וואס צו עסן און וואס צו טרינקען זיך צו דערפרייען אין דעם גרויסן טאג, אבער אזא סארט מצוה ווי געבן מתנות פאר אנדערע אידן - דאס טרעפט מען נאר פורים.

בדרך אפשר קען זיין אז די מצוה איז מרמז אז דורך די מצוה זענען אלע אידן ניצול געווארן פון די גזירה אין יענע יארן, און אז נאך ביז היינט האט מען א הצלה אין דעם זכות.

כידוע האט המן הרשע מקטרג געווען אויפ'ן כלל ישראל, ער האט אנגערעדט שלעכטס אויפ'ן כלל ישראל אז זיי זענען נישט מקיים די מצות וואס הקב"ה האט זיי געגעבן. איינס פון די טענות וואס דער רשע האט געזאגט קעגן די אידן איז געווען אז מיר זענען 'מפוזר ומפורד' צווישן די פעלקער.

מען זעט אויך אז ווען עס איז געקומען מעורר צו זיין רחמי שמים אויף כלל ישראל, האט אסתר המלכה געגעבן די עצה פון 'לך כנוס את כל היהודים'.

עס ווייזט אז דער נושא איז געווען די אחדות, און ווייל עס איז נישט געווען קיין אחדות האט מען געדארפט מחזק זיין די אחדות ביים כלל ישראל.

<<< | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# דער באדייט פון א 'חבר'

ס'איז דא א באקאנטע ווערטל וואס מענטשן זאגן: זאג מיר ווער עס זענען דיינע חברים, וועל איך דיר זאגן ווער דו ביסט! עס פעלט נישט אויס אז מען זאל טון עפעס א פעולה כדי צו אויפווייזן ווער מען איז, נאר דאס אליין וואס מען געפינט זיך אין די סביבה פון די ספעציפישע חברים, דאס זאגט עדות אויפן מענטש ווער ער איז. דאס אליין אז מען ווערט געצויגן צו א געוויסער חבר, איז א צייכן אז מען שעצט אים און זיינע מעשים, און אויב זיינע מעשים זענען אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז דאס א צייכן אז מען האט טאקע א שאיפה צו זיין באוויליגט צו אונזער טאטע אין הימל.

אבער אויב די מעשים פונעם חבר זענען ח"ו נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז דאס א סימן אז אויך דער וואס וויל זיין נאנט מיט אים, ווערט נאכגעצויגן נאך אומגעוואונטשענע מעשים, רחמנא ליצלן. נאכמער פון דעם זעען מיר אין די פרשה פון די וואך. מיר זעען אז אפילו אויב מען האט נישט קיין שלעכטער חבר, נאר אפילו דאס אליין אז יענער קומט און שטייט נעבן אים, דאס טוט שוין לייגן א ספק אויפן מענטש, אפילו אויב ער האט ביז יעצט נישט געהאט קיין פארבינדונג מיט יענעם.

אין אונזער פרשה לייגען מיר וויאזוי מעשה שטן הצליח, און ער האט מכשיל געווען כלל ישראל – דעם דור דעה, מיטן גאר הארבן זינד פונעם עגל. כלל ישראל, וועלכער זענען געשטאנען ברום המעלות, נארוואס ארויסקומענדיג פון מצרים פון די מ"ט שערי טומאה, און נאכן זוכה זיין צו קבלת התורה, און זענען געווארן ממש בָּנִים לַמָּקוֹם. אויב אזוי, וויאזוי איז עס געלונגען פארן שטן זיי צו מאכן שטרויכלען אין אזא שרעקליכער מכשול? דעריבער קומט דער פסוק און זאגט 'ויאמרו אלה אלהיך ישראל', וואס רש"י איז מדייק אז זיי האבן נישט געזאגט 'אלה אלהינו', און פון דא זעען מיר אז די ערב־רב וועלכער זענען ארויפגעקומען פון מצרים, זיי זענען די וואס האבן זיך ארומגעזאמלט אויף אהרן, און זיי זענען די וועלכע האבן געמאכט דעם עגל, און דערנאך האבן זיי געמאכט בלאנדזשען די אידן נאך אים.

דער אמת איז טאקע, אז כלל ישראל זעלבסט זענען נישט געווען ראוי צו אט די מעשה העגל, נאכדעם וואס זיי זענען געווארן אזוי אויסגעלייטערט, און האבן געהערט 'אנכי' און 'לא יהיה לך' פונעם מויל פון השי"ת אליין כביכול, וואלטן זיי נישט געשטרויכלט געווארן דערמיט, ווען נישט וואס די ערב־רב האבן זיך אנגעטשעפעט צו זיי, און אט די ערב־רב, וועלכע האבן נישט זוכה געווען צו נתעלה ווערן, און האבן געהאט אין זיך די אייגנשאפטן פון עֶרְוַת הָאָרֶץ, זיי זענען די וועלכע האבן גורם געווען מיט זייער פעולה א חורבן לדורות, רחמנא לצלן.

פון דא לערנען מיר ארויס, ווי גרויס און שרעקליך איז די צרה פון שלעכטע חברים. ווען די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האבן זיי דען געוואלט אז די ערב־רב זאלן זיך אנשליסן אין זיי? די ערב־רב אליין זענען געווען די וועלכע האבן באשלאסן זיך צו אנשליסן אינעם כלל ישראל, אבער דאס אליין אז זיי האבן זיך צוגעשטעלט צו כלל ישראל האט גורם געווען א ירידה לדורות!

דעריבער, ווען מען באמערקט ווי א שלעכטער חבר דערנענטערט זיך, האבן מיר א פליכט זיך צו דערווייטערן און ארויסדרייען פון אים, ווייל אויך אויב יעצט זענען מיר באוויליגט צו אונזער טאטע אין הימל, קענען מיר נישט וויסן די רעזולטאטן וואס קענען ארויסקומען נאכדעם וואס יענער וועט דערנענטערן זיינע טריט.

(עפ"י טיב המועדים – כי תשא)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

עס איז ידוע אז די חילוק צווישן דער 'מפוזר' און דער 'מפורד' וואס לעבט פאר זיך, ליגט אין דער חילוק צווישן א 'נוטל' און א 'נותן'. אז מען זוכט די גרונדפרינציפ חילוק צווישן א גוטער מענטש און א מענטש וואס איז נישט אזוי גוט וועט מען טרעפן אז דער חילוק ליגט דא אין די נקודה פון 'נוטל' און א 'נותן'.

אינדערצייט וואס דער גוטער מענטש זעט די צד פון א צווייטן און איז גרייט אוועקצוגעבן פון זיך פאר א צווייטן איז דער שורש פון אלע 'רע' אויף די וועלט דער 'נוטל' - דער מענטש וואס וויל נעמען פאר זיך מער און מער.

איידער עס איז נגזר געווארן די גזירה אויף כלל ישראל איז די מידה פון 'נטילה' געווען שטארק און עס אויסציווארצלען האט מרדכי הצדיק און אסתר המלכה מחזק געווען דער ענין פון 'נתינה' - די אחדות אוועקצוגעבן פון זיך פאר יעדן איד אין יעדן מצב און אויך מתקן געווען די נקודה אויף די קומענדיגע יארן אז דער מהות פון פורים זאל זיין כל כולו נתינה - אוועקגעבן פון זיך.

אז מען מאכט א חשבון און מען קוקט זיך ארום אויף אלע מצות וואס איז נוגע דעם גרויסן טאג זעט מען מיט א קלארקייט אז דער יסוד וואס נעמט ארום דעם טאג איז די 'נתינה'. עס הייבט זיך אן מיט די מצוה פון 'מתנות לאביונים' אבער דאס איז נאר נוגע די אביונים און עס גייט ווייטער מיט די נתינה אז אויך פאר בעלי יכולת דארף מען געבן ווייל די מצות היום איז צו פארמערן און פארשטערקערן דער כח הנתינה איבער די כח הנטילה.

דאס איז דער יסוד פון דעם טאג און אין די זכות פון די נטילה זענען מיר ניצול געווארן פון אלע 'רע' אין יענעם טאג, און וועגן דעם דארף מען אויסנוצן די טאג ארייינצובאקן אין אונזערע הערצער די מידה ווי מער עס איז שייך, אז ווען מען געבט יא זאל די נתינה זיין מיט די מחשבה פון איבערדרייען 'נטילה' צו 'נתינה' נישט נאר יוצא צו זיין די מצוה.

מהאי טעמא איז די מצוה דא ביי יעדן איינעם אין כלל ישראל און אויך ארעמע זענען מחוייב צו געבן ווייל יעדער איז א חלק אין די מצוה.

דער אמת איז אז ווען מען קוקט זיך ארום וויפיל צדקה יעדער איד פארטיילט די טעג ווערט מען מורא'דיג נתפעל פון דעם. מען זעט סיי אידן וואס זענען בעלי יכולת און סיי אזעלכע וואס זענען שוואכע בעלי יכולת - יעדער איינער געבט און געבט אן אויפהער, און דאס נעמט זיך פון דער יסוד אז אין דעם טאג גייט יעדער אריבער פון 'נטילה' צו 'נתינה', און אויסער וואס מען טוט עס בפועל איז אויך דא א רוח פון געבן וועלכע איז משפיע אויף דער מענטש ער זאל זיך איבערדרייען פון א 'נוטל' צו א 'נותן'.

איך האב אינזינען געהאט מפרש צו זיין מיט די בחינה די ווערטער פון די גמרא אין מגילה אז הקב"ה האט געזאגט צו המן אז דו האסט געוואלט געבן פאר אחשרוש צען טויזנט גאלדענע שטיק - איך האב דיר שוין געפעדערט און געהייסן פאר די אידן אז זיי זאלן געבן האלבע שקלים.

אויפ'ן ארט צייכענט צו תוספות [דף טז ע"א ד"ה ודחי] אז ווען מען וועט אויסרעכענען זעקס הונדערט טויזנט מאל א האלבע שקל וועט מען אנקומען צו די חשבון פון צען טויזנט כיכר.

די מפרשים אויפ'ן ארט מוטשענען זיך צו פארשטיין די ווערטער פון תוספות אז די חשבון שטימט נישט אזוי גוט.

אויפ'ן ארט ברענגען זיי אראפ עטליכע מהלכים, אבער איך האב געטראכט בדרך צחות אז עס קען זיין אז ווען מען זעט וויפיל געלט כלל ישראל טיילט פאר צדקה פון ווען מען געבט מחצית השקל ביז נאך פורים קומט עס אן אסאך מער ווי די עשרת אלפים כיכר כסף.

עס הייסט לויט דעם אז די מחצית השקל איז נאר די התחלה, וואס עס עפענט אויף די הארץ פון א מענטש.

בדרך בדיחותא האב איך אמאל געהערט פון דער בוניאדער רב זצוק"ל אז צוויי ארעמעלייט האבן זיך באגעגענט נאך פורים. איינער האט געזאגט פאר דעם אנדערן מיט גרויס צופרידנהייט אז קוקט וואס א גרויסע טובה המן האט אונז געטון אז א דאנק אים פארדינט מען אזויפיל געלט אין דעם טאג.

האט זיך דער צווייטער אנגערופן אז ער זאל נישט זיין אזוי איבערגענומען, נאך אביסל קומט צוגיין פרעה הרשע און שלעפט ארויס פון אונז אלע געלטער אויף פסח...

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל קענען זוכה זיין איבערצודרייען די מידת הנטילה צו א נתינה און עס זאל נשפע ווערן אלעס גוטס פאר כלל ישראל.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן דורך לייענערס

# אני בצדק אחזה פניך

# צדקה געלט פאר'ן דאווענען

עס דערציילט מורינו שליט"א:

אין תהלים שטייט 'אני בצדק אחזה פניך' אז דורך צדקה איז מען זוכה צו זען די פנים פון הקב"ה.

ביי חסידים ואנשי מעשה האט מען געוואוסט אז איידער מען שטעלט זיך דאווענען געבט מען צדקה. מיט די יארן האב איך איינגעפירט א מנהג אז איך האב אין שטוב א פושקע פון קליינגעלט, און ווען איך גיי ארויס צום דאווענען נעם איך ארויס פון איר געלט און כ'נעם עס מיט אין שול אז איך זאל קענען געבן צדקה פאר'ן דאווענען און מקיים זיין מיט דעם דער ענין פון געבן צדקה פאר'ן דאווענען.

יענעם צופרי האב איך זיך פארגעסן, איך בין ארויס פון שטוב און נישט מיטגענומען מיט מיר קיין קליינגעלט.

עס האט מיר געבאדערט, אבער דא האב איך איינגעזען אז הקב"ה האט זיך זיינע וועגן. נאך שטייענדיג אין שול קומט צו מיר א איד וואס איז מיר שולדיג געלט א שטיק צייט. דער איד האט מיר באצאלט די חוב, אבער אנדערש ווי געווענליך האט ער מיר געצאלט די חוב אין קליינגעלט.

איך האב סיי געהאט ביי מיר געלט צו געבן פאר צדקה און אויך איז עס געווען אין קליינגעלט, צו קענען דאווענען אָן קיין שטער.

איך האב געזען ווי אזוי הקב"ה האט זיך זיינע וועגן און ווי אזוי ער קען מיר מזמין זיין וואס איך דארף - אויך ווען איך בין שוין אין שול.

דערציילט דורך דער בעל המעשה:

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# דעליקאטעסן פארן פורים-טיש פון מורינו הגאון הצדיק רבי לוי הכהן זצוק"ל

**מיר האבן דא אביסל צוזאמגעקליבן געשמאקע שטיקלעך פונעם פורים-טיש פון הגאון הגדול רבי לוי הכהן ראבינאוויטש זצוק"ל, בעל מחבר ספרי "מעדני השולחן", דער טאטע פון יבלחט"א מורינו ורבינו שליט"א, צוזאמגעקליבן פון די פילע ספרים און שיעורים, וואס ער האט געברענגט און נאכגעזאגט פון זיין טאטע זצוק"ל, פון וועם ער האט זוכה געווען זייער אסאך צו מקבל זיין, און זיין תורה איז אזוי ווי א טייך וואס הערט נישט אויף צו פליסן און ארויסגעבן הערליכע און זיסע פרוכט.**

**זכותו הגדולה תגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**

## חודש אדר איז מסוגל לשמחה – בעיקר אויף שמחת התורה

**וְהַחֹדֶשׁ אֲשֶׁר נֶהְפַּךְ לָהֶם מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה** (אסתר ט, כב).

דער גאנצער חודש אדר איז שטארק מסוגל פאר שמחה, אזוי ווי מען זעט פונעם פסוק אז דער גאנצער חודש איז איבערגעדרייט געווארן פאר אידישע קינדער מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה. – ווען די גרויסע שמחה פון דער הייליגער יו"ט פורים, שיינט און לייכט דורכאויס אלע טעג פון דעם חודש. און פון ווען עס איז "משנכנס אדר", פון ווען עס הייבט נאר אן צו שיינען אויף דער וועלט דער צייט פון זיך גרייטן צו פורים, קומט אריין די שמחה און עס לייכט אין די אידישע הערצער.

דורשי רשומות האבן מרמז געווען דערויף, דאס וואס די הייליגע חז"ל האבן געזאגט (ביצה טו:): "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו, יִטַּע בָּהֶן אֶדֶר". וואס דאס איז מרמז אויף די בחינה פון חודש אדר און די געוואלדיגע שמחה וואס איז יעצט דא, און מיטן כח פונעם שמחה קומט הצלחה און א קיום פאר די רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע פארמעגנס און קנינים פונעם מענטש.

דעריבער, דארפן מיר אין דעם חודש בעסער וויסן, וואס מיר זאלן טון כדי מיר זאלן זוכה זיין אנצוקומען צו די מדה פון שמחה אזוי ווי עס דארף צו זיין.

אין אמת'ן אריין, שטייט עס דאך קלאר אין פסוק אין תהלים (יט, ט): "**פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב**", אז די אמת'ע שמחה וועט נאר קומען דורכן עוסק זיין אין די הייליגע תורה, וועלכע טראגט מיט זיך דער נאטור צו ברענגען די אמת'ע שמחה פאר די וועלכע לערנען איר. אזוי ווי עס שטייט אינעם הייליגן **ספר העקידה** (שער א) אז די שמחה וואס איז דא אין אונזער הייליגע תורה, איז די שטארקסטע באווייז אויפן אמת'דיגקייט פון אונזער הייליגע תורה, וואס איז לעבעדיג און איז אראפגעקומען מיט א פייער פון הימל, זע דארט.

קומט אויס אז חודש אדר איז זייער מסוגל צו קונה זיין דעם זיסקייט פון די הייליגע תורה, וויבאלד אידישע קינדער זענען יעצט מרבה בשמחה, און **אֵין שִׂמְחָה אֶלָּא בַּתּוֹרָה**.

ווען איך בין אמאל אריינגעגאנגען אין א ווינטערדיגן טאג צו **אבי מורי הגה"צ זצ"ל**, האב איך אים געטראפן ווי ער זיצט און איז עוסק מיט גרויס יגיעה אין זיינע הייליגע ספרים וואס ער האט צוזאמגעשטעלט. דורכאויס מערסטנס שעות פונעם טאג פלעג ער לערנען אין א חברותא, זיצנדיג און צוזאמשטעלנדיג זיינע ספרים, און ווען ער האט געדארפט קלאר-מאכן פארשידענע ענינים האט ער געהאט זיינע באשטימטע חברותות מיט וועם ער האט געלערנט.

אין אט דעם געלעגנהייט, האב איך אים געפרעגט איבער זיין סדר הלימוד וואס ער לערנט אזוי אן א חברותא, און דורך זיין ענטפער האט ער אביסל אנטפלעקט פאר מיר פון זיינע הייליגע דרכים.

און אזוי האט ער געזאגט: ווען איך זעץ מיך אוועק לערנען, ווייס איך אז דער אויבערשטער זיצט מיט מיר אינעם עסק התורה, אזוי ווי אונזערע הייליגע חכמינו ז"ל האבן אונז מגלה געווען (ברכות ו.) אז 'שכינה כנגדו', אפילו ביי א יחיד וועלכער איז עוסק בתורה.

ביי יעדער זאך וואס איך לערן און אים נעם צוזאם ביי מיר די הבנת הענין, און איך בין עס מסדר און איך שטעל עס אויס פארן ספר, באטראכט איך מיך ווי איך בין זיך 'שואל עצה' מיט השי"ת וואס ער האט אונז דאך געגעבן די תורה, און ער זיצט דאך יעצט קעגן מיר, און דעמאלטס שפיר איך אויב דער אויבערשטער איז מסכים מיט מיר מיטן שטיקל תורה, אדער איז עס נישט תורת אמת.

**דעריבער איז נישט קיין פלא, אז דורכן לערנען תורה מיט אזא געוואלדיגע יראת שמים און חיות דקדושה, איז ער שטענדיג געווען מלא שמחה, און די שמחת החיים האט אים באגלייט אין יעדן וועג און שטעג פון זיין געבענטשטן לעבן.**

***

## סגולה געראטעוועט צו ווערן פון די הענט פון די רשעים

**יָבוֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן הַיּוֹם**. (אסתר ה, ד). איך האב געהערט פון **אבי מורי הרה"צ זצ"ל**, וועלכער האט עס געהערט פון **הרה"ג ר' אהרן קאצענעלנבויגן זצ"ל**, וואס ער האט עס מקבל געווען פון **מרן הגאון רבי יוסף חיים זאננענפעלד זצוק"ל**. א גרויסע סגולה צו געראטעוועט ווערן פון די ציונים, אין יעדן פאל וואס די רשעים פארלייגן זיך אויף א איד. אז ווי נאר ער קומט מיט זיי אין בארירונג, אדער ווען מען דארף אריינגיין אין זייערס אן אפיס, א.ד.ג., זאל מען מהרהר זיין אינעם שֵׁם הוי"ה הקדוש וואס קומט ארויס פונעם אויבנדערמאנטן פסוק: "**יָבוֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן הַיּוֹם**", און דורכדעם וועט ער געראטעוועט ווערן פון זיי בעזהי"ת.

און מיין טאטע זצ"ל האט מיר דערציילט, אז בדידיה הוי עובדא, ווען די ציונים האבן ארויסגעגעבן א באפעל אז יעדער איינוואוינער אין לאנד דארף קומען זיך איינשרייבן אינעם 'מפקד האוכלוסין', און באקומען אזא 'תעודת זהות' דאקומענט, האט ער זיך נישט געשטעלט און איז נישט געגאנגען דארט זיך איינשרייבן, וואס דאס איז גערעכנט געווארן ביי זיי ווי א גרויסער פארברעכן. איין טאג, גייענדיג אין גאס, האבן אים די פאליציי געכאפט, און וויבאלד ער האט נישט געהאט מיט זיך דעם אויבנדערמנטן דאקומענט, איז ער געשטאנען פאר א באלדיגן ארעסט, לויט זייערע געזעצן. ער האט זיך גלייך דערמאנט אינעם אויבנדערמאנטן סגולה, און ווי נאר ער האט מהרהר געווען אינעם שֵׁם הַקָּדוֹשׁ פון דעם פסוק, האבן זיי אים אפגעלאזט און זענען אוועקגעגאנגען אזוי ווי זיי זענען געקומען.

***

## אויסנוצן יעדע פרייע מינוט אין יעדן מצב – צו לערנען תורה

**אין יאר אינעם הייליגן יו"ט פורים**, ווען **אבי מורי הגאון זצ"ל** איז געגאנגען אין גאס, און ווי זיין שטייגער איז ער געגאנגען שטילערהייט ביי די זייט פונעם גאס, איז פלוצלונג אריבערגעגאנגען נעבן אים א **פורים'דיגער שיכור**, וועלכער האט 'געטאנצט' און זיך געשאקלט אויף אלע זייטן, ווי דער שטייגער פון די שיכורים, און נישט באמערקנדיג מיין טאטן האט ער אים געשטופט און אראפגעווארפן צו דער ערד.

צוליב זיין גרויסן שוואכקייט, און צוליב זיין עלטער, האט ער נישט געהאט די כוחות אליין אויפצושטיין פון דער ערד. דער שיכור האט פארגעזעצט מיט זיין גאנג און מיט זיין טאנץ... און האט געלאזט מיין טאטן אזוי ליגן אויף דער ערד. א שטיק צייט איז ער אזוי געלעגן, אפגעשוואכט, וויבאלד דאס איז געווען א זייטיגע געסל, וואו עס גייען נישט אריבער קיין סאך מענטשן, אזוי אז עס איז נישט געווען ווער עס זאל אים אויפהייבן.

און אט איז דארט דורכגעגאנגען א איד א תלמיד חכם, וועלכער האט זיך געאיילט אים אויפצושטעלן אויף די פיס. און דא באמערקט ער צו זיין וואונדער, אז נישט נאר איז מיין טאטע געווען רואיג מיט א שטארקע מנוחת הנפש, ווי זיין שטייגער איז אלעמאל געווען, נאר אז ער האט אפילו אביסל געשמייכלט. ער האט נישט געקענט באהאלטן זיין וואונדער, און האט געפרעגט מיין טאטע: ילמדנו רבינו, לשמחה מה זו עושה, וואס איז דא די גרויסע שמחה, ווען דו ליגסט אזוי אויף די ערד אין גאס?

**"ברוך ה', איך האב אריינגעכאפט, אזוי ליגנדיג אויף דער ערד, עטליכע פרקים משניות אויף אויסנווייניג!** – האט מיין טאטע געענטפערט – און דעריבער פריי איך מיך, אז כאטש איך בין געלעגן אפגעשוואכט און איך האב מיך נישט געקענט אויפהייבן, איז אבער די צייט נישט געגאנגען לאיבוד, און איך האב פארדינט נאך טייערע מינוטן פון **תלמוד תורה**"!!!

**אזא התנהגות קומט פון א 'ביטול מוחלט', און פון א פלאמעדיגע אמונה אין די קדושת התורה און אין גרויסן כח! – ווען די פייער פון תורה פלאקערט אין הארץ, מיט א קלארע ידיעה און אנערקענונג ווי גרויס און חשוב איז אין הימל אפילו איין רגע פון לימוד התורה, איז דאך פשוט אז מען וועט זיך אודאי מזרז זיין אויסצונוצן יעדן איבעריגן רגע צו לערנען די תורה הקדושה.**

פון אייביג אן האט מיין טאטע זצ"ל אויסגלערנט בחורים און יונגעלייט, אז זיי זאלן זיך צוגעוואוינען צו זיך איינ'חזר'ן א באדייטנדן טייל פון די תורה אויף אויסנווייניג, אז עס זאל זיין **שָׁגוּר עַל לְשׁוֹנָם**. כדי ווען עס וועט זיין א צייט וואס עס איז שווער צו לערנען אינעווייניג אין א ספר, צום ביישפיל ווען מען איז אונטערוועגנס, זאל מען קענען מקיים זיין די מצוה פון תלמוד תורה און די מצוה פון 'ובלכתך בדרך', ווען מען וועט לערנען אויף אויסנווייניג.

היינט-צו-טאג זענען דא חשוב'ע תלמידים פון מיין טאטע זצ"ל, וועלכע האבן שוין אייניקלעך און אור-אייניקלעך, כן ירבו, און זאגן עדות אויף זיך אז עד היום גייען זיי אן מיט אט דעם געוואוינהייט, און אזוי נוצן זיי גוט אויס די צייט. – און דאס אלעס קומט פון די ליבשאפט צו די מצוות און די שמחה פון די תורה הקדושה, זיך שפירנדיג יעדער רגע אזוי ווי איינער וועלכער לעכערט בריליאנטן! דאס איז וואס דער פסוק זאגט אין תהלים (קיט, עב) "**טוֹב לִי תוֹרַת פִּיךָ מֵאַלְפֵי זָהָב וָכָסֶף**".

***

## המן האט צוגעגרייט די בוים אז עס זאל אויך גוט זיין פאר אחשוורוש...

**וַיֹּאמֶר חַרְבוֹנָה אֶחָד מִן הַסָּרִיסִים לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ, גַּם הִנֵּה הָעֵץ אֲשֶׁר עָשָׂה הָמָן לְמָרְדֳּכַי אֲשֶׁר דִּבֶּר טוֹב עַל הַמֶּלֶךְ וגו' וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ תְּלֻהוּ עָלָיו** (אסתר ז, ט).

המשך אין עמוד ד' >

איך האב געהערט פון **אבי מורי הגה"צ זצ"ל**, וועלכער האט עס ערקלערט בדרך צחות, אז חרבונה האט אזוי געזאגט: **"גַּם הִנֵּה הָעֵץ אֲשֶׁר עָשָׂה הָמָן לְמָרְדֳּכַי"**, המן האט טאקע געמאכט דעם בוים פאר מרדכי, אבער **"אֲשֶׁר דִּבֶּר"**, דאס מיינט אז אינדערצייט וואס המן האט געמאכט דער בוים האט ער גערעדט, און אזוי האט ער געזאגט – אז דער בוים איז אויך **"טוֹב עַל הַמֶּלֶךְ"**, דאס מיינט אז נישט נאר פאר מרדכי איז דער בוים פאסיג, נאר עס איז אויך גוט און פאסיג פארן קעניג...

און דעריבער האט זיך דער קעניג אזוי אויפגערעגט, פארשטייענדיג אז עס איז טאקע ריכטיג די מחשבות דורך וואס זיין שלאף איז צושטערט געווארן די פריערדיגע נאכט, מיינענדיג אז המן פלאנט שלעכטס קעגן אים, און דעריבער **"וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ תְּלֻהוּ עָלָיו"**.

***

## א הערשאפט וואס קומט צו א מענטש – איז געשיקט געווארן צו אים פון הימל

**כָּכָה יֵעָשֶׂה לָאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ** (אסתר ו, יא). – **"הַמֶּלֶךְ"** דאס מיינט מען דעם אויבערשטן, דער קעניג פון דער וועלט, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין **מדרש** (אסתר רבה ג, י) אז אין יעדן ארט וואו עס שטייט אין די מגילה 'המלך', סתם, נישט שרייבנדיג וועלכער קעניג, איז עס מרמז אויפן אויבערשטן. זעען מיר אז דער אויבערשטער אליין וויל זיין כבוד.

דא לערנט אונז דער פסוק, אז יעדער גרויסקייט און הערשאפט וואס קומט צו א מענטש, איז נישט געקומען צו אים וויבאלד א מענטש האט אזוי באשלאסן, נאר וויבאלד **"הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ"**, דאס מיינט אז השם יתברך איז דער וועלכער האט עס אליין צוגעפירט דורך זיין ווילן. און אזוי איז עס מיט יעדער זאך אויף וואס א מענטש ווערט געשטעלט, אז אלע שלוחים און איינגעשטעלטע, זענען געטרייע שליחים אויסצופירן דאס וואס דער אויבערשטער האט גוזר געווען אין הימל.

דעריבער זאל יעדער איינער וואס איז געשטעלט אויף עפעס א הִתְמַנּוּת, צוגיין מיט שמחה צו דינען אין זיין אויפגאבע, וויבאלד אויב דער גרויסער קעניג פון דער וועלט באגערט אין זיין כבוד, שטייט ער דאך און באדינט פארן קעניג. אויך זאל ער נישט האבן קיין ספיקות און דילעמעס אין זיין הארץ, טראכטנדיג צי ער מעג זיך גרויסן איבער אנדערע, נאר ער זאל געדענקען אז דער אויבערשטער האט אים דא אוועקגעשטעלט, און ער דארף אויספירן זיין אויפגאבע מיט געטריישאפט און מיט שטארקייט.

אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די **גמרא** (בבא בתרא צא:) אויפן פסוק "לְךָ ה' הַמַּמְלָכָה וְהַמִּתְנַשֵּׂא לְכֹל לְרֹאשׁ" (דברי הימים א' כט, יא), האט **רב חנן בר רבא** געזאגט אין נאמען פון **רב**, אז אפילו ווער עס זאל אויפגענומען ווערן אלץ 'ריש גרגותא' [דער שר וואס איז געשטעלט אויף די וואסער-גריבער צו באשטימען ווער עס וועט קענען אנטרינקען זיינע פעלדער דערמיט] ווערט באשטימט דערצו פון הימל, זע דארט.

א וואונדערליכע מעשה האט **אבי מורי הגה"צ זצ"ל** דערציילט איבער דעם, וואס איז פארגעקומען מיט צוויי גדולי עולם פונעם פריערדיגן דור, **דער הייליגער "חפץ חיים" זצוק"ל** מיט **כ"ק דער אלטער גערער רבי זצוק"ל בעל "אמרי אמת"**, וועלכע זענען אמאל צוזאמען געפארן אויף א באן, ביי איינע פון זייערע פילע פעולות פון השתדלות לטובת כלל ישראל.

אין יענע צייטן, פלעגט דער באן ווארטן אין די גרעסערע סטאנציעס אונטערוועגנס, פאר א שטיק צייט, ביז עס האט זיך גענומען ווייטער פארן. און דער מנהג ביי די חסידים איז געווען, אז מען פלעגט זיך פארזאמלען אין די מאַסן ביי אט די יעניגע סטאנציעס, כדי צו ענטפאנגען זייער רבי'ן און זיך צו דערווארימען אין זיין שאטן אינדערצייט וואס מען האט געווארט, וויבאלד עס איז נישט געווען אזוי גרינג צו פארן צום רבי'ן ווי אין אונזערע צייטן, כידוע.

ביי די שנעלערע סטאנציעס, פלעגן די צדיקים בלייבן אינעווייניג אינעם וואַגאָן, און פלעגן זיך נאר שטעלן ביים פענסטער, און אויסשטרעקן זייער הייליג האנט צו אנווינטשן, און דער גאנצער קהל הקדוש פלעגט דורכגיין אין פארנט פון זיי – אזוי ווי עס איז דא צו טרעפן פילע בילדער פון צדיקים וואס מען האט פאָטאָגראַפירט שטייענדיג ביים פענסטער פונעם באן בענטשנדיג די אידישע קינדער וואס האבן זיך דארט פארזאמלט. און ביי די לענגערע סטאנציעס, פלעגט דער צדיק ארויסגיין צום פלאטפארמע [רציף], וואו זיי האבן געפירט א קורצן "לחיים טיש", און מען האט אויך געקענט צוגיין צום צדיק און שלום נעמען א.ד.ג.

אט די 'נסיעה' פון די גדולי הדור אויפן באן, איז באקאנט געווארן איבער די לענג און ברייט פון פוילן, און אזוי האבן זיך גאר א גרויסן ציבור פארזאמלט ביי יעדן סטאנציע, וועלכע זענען געקומען צו זען און צו ווערן געזען ביי די הייליגע צדיקים. דורכאויס די רייזע זענען אט די צוויי גדולי עולם געזעצן אינאיינעם, מיט גרויס ליבשאפט און מיט א שטארקן כבוד איינער פארן אנדערן, ווי דער שטייגער פון די תלמידי חכמים וועלכע זענען מַרְבִּים שָׁלוֹם בָּעוֹלָם, און האבן עוסק געווען אין פילע ענינים אין הלכה ואגדה און איבער די הנהגה פון כלל ישראל. [ביי דעם זעלבן נסיעה, האט דער חפץ חיים געזען ווי דער אמרי אמת פארטיפט זיך אינעם ספה"ק **"נועם אלימלך"**, און אים געבעטן אז ער זאל אים ערקלערן וואספארא ספר דאס איז, און נאכדעם וואס ער האט אים אביסל דערציילט איבערן גרויסקייט פונעם הייליגן ספר, האט דער חפץ חיים געבעטן אז ער וויל אריינקוקן אין דעם, און דער הייליגער ספר איז א לאנגע צייט נישט ארויסגעגאנגען פון זיין האנט].

אנקומענדיג צום סטאנציע, איז דארט געשטאנען א ריזיגער עולם, וועלכע האבן געווארט בחרדת קודש פאר די גרויסע צדיקים די מנהיגי הדור. זעענדיג דאס, זענען די גבאים צוגעגאנגען צום גערער רבי'ן און האבן אים אויפגעמערקט אז דער באן איז שוין אריינגעגאנגען אינעם סטאנציע, און מען קען שוין ארויסגיין צום ריזיגן ציבור וועלכער ווארט אינעם סטאנציע. האט דער אמרי אמת געבעטן פונעם חפץ חיים אז ער זאל אויך מיטקומען מיט אים, און אזוי וועלן זיי ביידע גיין אינאיינעם אנטקעגן די פארזאמלטע אידן, להגדיל תורה ולהאדירה.

דער חפץ חיים האט זיך אבער אפגעזאגט דערפון, ערקלערנדיג אז ער האט מורא פון גאוה! – האט אים דער אמרי אמת גלייך געענטפערט: ס'לוינט זיך צו ווארפן אין גיהנם פאר אידנ'ס וועגן!

ווען דער חפץ חיים האט געהערט אז דאס איז פאר די טובה פון אידישע קינדער, איז ער גלייך אויפגעשטאנען פון זיין פלאץ, און אריינגעפלאכטן זיין האנט אינעם האנט פונעם הייליגן רבי'ן, און אזוי זענען ביידע צדיקים געגאנגען צוזאמען, האנט ביי האנט, צום עולם, ווען יעדער איינער פון זיי איז זיך מבטל פארן צווייטן מיט ענוה און שפלות, און אזוי האט זיך דאס איבערגעשפילט ביי יעדן סטאנציע.

**דאס איז געווען א געוואלדיגער מעמד קידוש השם ווען די הייליגע צדיקים שפירן ביי זיך אין הארץ אזוי ווי מען ווארפט זיי אריין אין גיהנם... און פונדרויסן באקומען זיי כבוד אויף א געוואלדיגן פארנעם וויבאלד די אידישע מאסן האבן געפילט גאר א שטארקע כבוד פאר אט די הייליגע ריזן, וועלכע זענען געווען די גדולי ומנהיגי הדור.**

אט דאס איז א גוטע מוסטער פון אננעמען כבוד אויסערליך, מיט אן אינערליכע געפיל פון יראה עילאה, אז זיי זאלן חלילה נישט געשטרויכלט ווערן מיטן נעמען דער כבוד פאר זיך אליין, נאר עס אלעס מייחס זיין פארן כבוד של מעלה! אזוי ווי מרדכי הצדיק בשעתו, וועלכער איז גלייך דערנאך צוריקגעגאנגען צו זיין זאק און תענית ביים שער המלך.

זע אויך אינעם הייליגן ספר **"שבחי בעל שם טוב"** (דף צ) א מעשה נורא וואס איז פארגעקומען מיטן הייליגן בעל שם טוב אין דעם ענין, און דא איז נישט דער פלאץ דערפאר, האפנטליך אין אן אנדער געלעגנהייט, בעזרת השי"ת.





מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173